**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 2/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

## גאווערנער האקול פאראָרדנט פענער צו אראפגענידערט ווערן צו האלבע הייעך אין עהרע פון געפאלענער טרופער סטיווען א. טיירעל

***פענער צו אראפגעלאזט ווערן צו האלב הייעך אום פעברואר 16 און 17***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אז פענער אויף סטעיט געביידעס וועלן אראפגענידערט ווערן צו האלב פון די הייעך אום פעברואר 16 און 17, פון זון אויפגאנג ביז זון אונטערגאנג, אין עהרע פון געפאלענער ניו יארק סטעיט פאליציי טרופער סטיווען א. טיירעל.

"טרופער סטיווען א. טיירעל האט זעלבסטלאזערהייט איבערגעגעבן זיין לעבן פאר די טובה פון זיין קאמיוניטי, אונזער סטעיט און אונזער לאנד", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "זאל זיין גייסטיגע ירושה ווייטער לעבן דורך די שטאנדהאפטיגע כוח פון זיין דינסט און דורך די צאללאזע לעבנס וואס ער האט אנגערירט דורך זיינע שריט און ביישפילן. אונזערע הערצער גייען אויס פאר זיין פאמיליע און באליבטע."

אום פעברואר 7, 2024, איז טרופער טיירעל אומגעקומען פון א קראנקהייט וואס איז געקומען צוליב זיינע אויפגאבן אין און ארום די וועלט האנדל צענטער ארט נאכפאלגנדיג די טעראר אטאקעס אום סעפטעמבער 11, 2001. ער האט ריטייערט פון די ניו יארק סטעיט פאליציי נאך 26 יאר פון געטרייע סערוויס אום סעפטעמבער 27, 2023. טרופער טיירעל איז געווען פון ראטשעסטער, NY, און ער האט איבערגעלאזט דריי קינדער, שאָן, קעטרין און רעיטשעל, און זיינע געשוויסטער, בערי, גרעג, לעסלי און שעראן.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן